**די שלאַנג • The Snake**

by Yitzchok Horowitz, translation by Ollie Elkus

*In geveb: A Journal of Yiddish Studies* (December 2021)

For the online version of this article:

[https://ingeveb.org/texts-and-translations/the-snake]

# די שלאַנג

# The Snake

Yitzkhok Horowitz
translated by Ollie Elkus

**Introduction:** Born in 1894, Yitzkhok Horowitz was a little-known Yiddish translator, editor, belletrist, and children's playwright of Romanian extraction. After immigrating to the States in 1909, Horowitz published a slew of children's plays throughout the '20s, a decade which culminated with his most well-known work, a Yiddish translation of Kahlil Gibran's The Prophet, in 1929. He later became a writer for the Forverts. In 1953 he published his final work, the memoir Mayn Tatns Kretshme (My Father's Tavern). Horowitz died in 1961 at the age of 67.

In My Father's Tavern, as Horowitz explores his childhood in the eastern Romanian village of Popricani, it becomes impossible to discern where truth ends and where some sort of fable begins. Horowitz delivers not an objective account, but something perhaps even more immersive: an account from his own memory, detailing life not so much as it was, but as each character understood it to be. In his case, he splits his character, the narration weaving between the voices of his adult and child selves so as to speak to the dual aspects of each reader: the imaginative, starry-eyed child, and the sincere, sentimental adult, with a morsel of story for them both.

Among Horowitz's more light-hearted musings, we meet the staple ghouls, ghosts, and goblins of Yiddish folklore that haunt the basement of the tavern. Other chapters feature tales of traveling Roma, the 1907 Peasants' Revolt, and real life run-ins with forest wolves. But in the world of fantasy and superstition that was the village Popricani, a few stories emerge even more fantastic and superstitious than the rest. One such example is chapter eight, "The Snake," wherein lies the tale of a most outlandish affliction, and of a man named Mihalache.

# The Snake

Old Mihalache was a tiny peasant, a crumb of a man really. If the tavern was full, you couldn't see him at all. But you could always hear his shrill little voice shrieking above the crowd, like the chirping of a bird hidden in a kettle. And this very same Mihalache had a remarkable need to prove his might. It was a need that tormented him and drove him to do the most backbreaking labor. For example, when there was a wagon full of heavy bags to unload, he was the first to hop to it. The peasants handling the bags mocked and ridiculed him, shooing him away from the wagon as one shoos away a stubborn young boy trying to mix among men. But Mihalache refused to step aside. He ran around the wagon, thrust his scrawny shoulders, strained his stubby arms, and seized hold of the bags. And you bet when the peasants finished the job and wiped the sweat from their brows, there was Mihalache standing among them, wiping his face with a big handkerchief.

And for the very same reason, old Mihalache was always looking for a fight—or better yet, spoiling for a fight. But nobody would give him the satisfaction. It was precisely their indifference that got under his skin, and when it did, he'd resort to all manner of provocation. One method involved his cane. He'd tuck it under his armpit with the crook poking out and shuffle around the tavern benches. Every so often his cane would snag one peasant or another, but they'd all pretend not to notice. So Mihalache would try his second method. He'd unfurl his long woolen belt and let it drag along the floor behind him. But the peasants knew what he was trying to do and they avoided the belt. Even the drunken peasants made an effort to steady their wobbling feet.

It would always end the same. Mihalache would wind up standing with his belt unraveled in the middle of the tavern, hurt and humiliated by everyone's indifference.

*

Nevertheless, everyone loved Mihalache. His persistent posturing and curious antics pleased the tavern. On those Sundays when he didn't come to the tavern, his absence was felt. Such was the case once, when it had been several Sundays since Mihalache had been seen around the tavern. This was not like him. The peasants had begun to worry. There was no one to ask after him because Mihalache had no neighbors or relatives. He tended the sheep of the village boyar and lived alone in a remote woodland hut, far from everyone. But there came a Sunday when the peasants could no longer stand idly by. They sent a boy to find out what had happened to Mihalache. The boy returned with sad news: Mihalache was sick. The news hit everyone hard.

"He's bedridden?" a peasant asked.

"No, not exactly; it's his stomach."

"Is he in pain?"

"Yeah, he's in pain all right."

The peasants asked my father what to do. My father told them to bring Mihalache to the tavern. And with that, two peasants went off to the forest.

In the tavern, Sunday's celebration was just about spoiled. The musicians quit playing and the glasses stood empty on the tables.

My father found the bottle of "Davila drops," and set it on the bar. Both the bottle and the brown tincture it contained were well known to the peasants, because whenever someone in the village had a stomach ache, or just plain felt unwell, they'd always come to my father for Davila drops. The peasants swore by the remedy.

A boy came running in and said they had returned with Mihalache. Everyone went out to greet him. The two peasants held him up by the arms. He was pale and frightened, looking smaller and scrawnier than ever. They led him into the tavern and set him down on a bench by the bar. One of the two peasants that brought him in approached my father and whispered something in his ear.

Mihalache shouted, "It's no secret! I've swallowed a snake!"

The peasants of the tavern stood with their mouths agape. Some of them started crossing themselves. My father approached Mihalache with the bottle of Davila drops in hand.

"Listen here, Mihalache," my father said to him. "That's impossible. A man cannot swallow a snake."

Mihalache shouted again, this time louder, "And yet I've swallowed one!"

"But that simply cannot be," my father tried to explain. "One doesn't just swallow a snake."

Mihalache softened and said, almost pleadingly, "However, I have no less than swallowed one." He motioned to his stomach, "It's in there. I feel it squirming."

My father poured a few Davila drops over a sugar cube and handed it to Mihalache. "Take it, Mihalache. It'll help."

Mihalache chewed the sugar cube and winced as if he'd taken a stiff drink. A little later my father came back over and asked him, "Well, how do you feel now?"

Mihalache blinked. "Better, I think."

The peasants in the tavern were astonished by his swift recovery. They were certain the drops had poisoned the snake, and that it would soon come out the same as everything else a man swallows. A tipsy peasant danced gleefully around the middle of the tavern with a bottle of liquor in his hand. He staggered over to Mihalache and thrust the bottle to his mouth.

"Drink, Mihalache! It'll kill the snake!"

Then the peasant dropped to his knees and spoke directly to Mihalache's stomach. "Snakey, my boy, you're done for! You're gonna croak soon… Yes, you'll croak, and Mihalache'll get well again."

The peasants in the tavern insisted that Mihalache tell them how he had swallowed the snake. Mihalache refused.

"Tell us, Mihalache."

The tipsy peasant urged him too, and thrust the bottle to his mouth again. "Drink, Mihalache, then tell us."

When Mihalache caught the scent of brandy, he took a swig from the bottle, once, then twice, wiped the dribble off his mustache, and said, "Very well, I'll tell you. But you must promise to believe me."

"Of course we'll believe you," an old peasant responded.

"Of course, of course," the others chimed in.

The tavern went still. The peasants huddled around Mihalache and waited in anticipation. Even my father leaned in to hear, his elbows against the bar, as Mihalache began his story:

"Well, I was out in the field with the sheep, as usual. As the sheep were grazing I lay down in the grass and, as usual, I played my flute. As I played I drifted off, with the flute still between my lips. And while I slept I dreamt I was wandering the desert. You heard me right, the desert, swear to Christ. The sun was beating down and I was parched. But there was no water. Not a lick of water, swear to Christ. I knew I'd die of thirst. But all of a sudden I saw a brook, like a gift from the heavens... no, really — swear to Christ! I fell to the brook and began to slurp. The water cooled me down, it was quite the relief! But in the middle of slurping I awoke to find the tail end of a snake in my mouth. Yes, a real snake, swear to Christ. But it was too late, the snake was already inside. At this very moment it's there in my belly. It's tossing and turning and gnawing at my guts."

The peasants listened closely to Mihalache and exchanged looks of fear and astonishment. Everyone believed that it happened just like Mihalache said it did. Everyone, that is, except my father.

My father handed Mihalache another sugar cube with Davila drops and told him to go home and lie down. The same peasants who brought him into the tavern brought him back home. My father assured the peasants that the drops would help, and the tavern was cheerful once more.

*

The next morning Mihalache came into the tavern and complained that the snake had been tossing and turning again. My father gave him the drops and tried to reason with him.

"Mihalache, what's going on with you? How can you fool yourself into thinking such nonsense as a snake in your stomach?"

Mihalache chewed the sugar cube and said nothing. He held his stomach and looked at my father with pleading eyes. And just like that, with his hand at his stomach, he went off to the woods, back to his hut.

Nobody heard from Mihalache for a couple of days. My father was certain that the drops had helped. But then a peasant came and said that Mihalache was in critical condition. He was getting thinner each day and was growing weaker and weaker. My father had to admit he didn't know what to do. He instructed them to wait until the district physician came.

But the peasants didn't want to wait. They went off to a neighboring village and brought an old peasant woman who promised to heal Mihalache. She told him to drink brandy — strong brandy, mixed with pepper. He had to chew up the pepper first, and then wash it down with a shot of brandy. He was to do this for ten days straight. Before she left, the peasant woman warned him, "Remember Mihalache — strong brandy! And don't forget the pepper!"

Mihalache came to the tavern every evening to chew pepper and drink a shot of

brandy. But when the ten days came to an end, he hadn't quit complaining about the snake in his stomach. He'd lost his appetite and was thin as a rail.

One evening Mihalache barely managed to drag himself to the tavern. My father poured him a shot of brandy as usual, but Mihalache didn't touch it. He sat on a bench facing my father and moaned.

My father felt sorry for him. He went over and said, "Mihalache, some drops perhaps?"

Mihalache looked at my father with tears in his eyes and said, "No use... The snake won't be killed..."

*

A few days later, several boyars stopped by the tavern. Among them was a military doctor. My father told him about Mihalache and the snake he thought he'd swallowed. The boyars had a good laugh at the story. Nevertheless, they insisted the doctor see Mihalache. The doctor obliged, but with the stipulation that they mustn't laugh. He said that Mihalache had to believe he had truly swallowed a snake; only then could he be helped.

The boyar called over their coachman and sent him along with a peasant to bring Mihalache. Then the doctor laid out his plan. He instructed my father to prepare a large bowl of milk and sent a young boy to find a snake.

Soon the peasants in the village got word that there was a doctor in the tavern who was going to heal Mihalache. They dropped what they were doing and rushed over to the tavern. The women and children came too. The tavern was packed.

The doctor and the boyars sat in a separate room. There, the doctor along with my father and one of my older brothers carefully planned what they were going to do. My father was to bring in the bowl of milk and set it in the middle of the tavern, and my brother was to ready the snake in a small box.

Mihalache arrived in the boyar's droshky. At once gaunt and a sickly shade of yellow, he sat in the back on a soft plush seat. In the pillowy confines of the boyar's droshky he resembled a tallow figurine. Two young peasants took him by the arms and led him inside.

The doctor motioned to a bench in the middle of the tavern. The peasants began to move and push to the walls in order to clear a path. Mihalache sat on the bench next to the doctor, trembling with fear. He held one hand at his belly and crossed himself with the other. The doctor asked him first to calm down, and then to tell him how it was that he had come to swallow the snake. Mihalache told the same story we heard before. The doctor placed a hand on Mihalache's shoulder and said that such things were known to happen, and that just the other day he had to get a snake out of a peasant's stomach.

Mihalache started to cry.

"Why are you crying?" the doctor asked.

"I'm afraid," Mihalache sobbed.

"There's nothing to be afraid of."

"It'll hurt."

"It won't hurt."

And in order to console him further, the doctor told him that the remedy was nothing more than milk. Snakes loved milk, he said, and if the snake smelled milk it would come out of its own accord. Mihalache only had to follow his instructions. He had to be lifted with his feet in the air and his head toward the ground, and so that he wouldn't get nauseous, he'd be blindfolded.

The doctor called over two tall peasants and had them stand at either side. He had my father bring out the bowl of milk. My brother stood next to the doctor with the tiny box concealed behind his back. The doctor blindfolded Mihalache's eyes with a large kerchief and winked at the two peasants. The peasants grabbed Mihalache and soon he was hanging, just as the doctor said, with his feet in the air and his head toward the ground. The doctor shoved his finger down Mihalache's throat and commanded, "Retch, Mihalache!"

Mihalache gagged on the doctor's finger.

"I can't, Doctor."

"You can, Mihalache, you just don't want to."

"I want to, Doctor, I just can't."

The doctor reached further down Mihalache's throat.

"Retch, Mihalache!"

Mihalache vomited.

"Well done, Mihalache," the doctor exclaimed. "Now again."

"I can't anymore, Doctor. Really."

The doctor stuck two fingers down Mihalache's throat.

"You can! You must! Retch, Mihalache!"

Mihalache puked once more.

"Bravo Mihalache!" the doctor shouted, and slyly released the snake into the bowl of milk.

"You've been saved, Mihalache! Here's the snake!"

The two peasants flipped Mihalache back onto his feet and the doctor untied the blindfold. When Mihalache saw the snake in the bowl, he fell to his knees and kissed the doctor's hand.

All the peasants in the tavern crossed themselves.

*

From that day on Mihalache began to get better. After a while he was the same Mihalache he'd always been. He started coming back to the tavern to prove his might, just like he did before.

# די שלאַנג

דער אַלטער מיכאַלאַקע איז געווען אַ קליין פּויערל, אַ ברעקל מענטש. אַז די קרעטשמע איז געווען געפּאַקט, האָט מען אים לחלוטין נישט אַרויסגעזען. מ'פֿלעגט נאָר הערן זײַן שפּיציק קול, וואָס האָט אַרויסגעקוויטשעט פֿון צווישן עולם ווי דאָס פּישטשען פֿון אַ פֿייגעלע וואָס ליגט באַהאַלטן אין אַ טאָפּ.

און אָט דער קלייניקער מיכאַלאַקע האָט געהאַט אַ געוואַלדיקן חשק אַרויסצוווײַזן גבֿורה. דער חשק צו גבֿורה פֿלעגט אים מוטשען און טרײַבן צו די שווערסטע אַרבעטן. אַזוי, למשל, אַז מ'האָט באַדאַרפֿט אויסלאָדן אַ וואָגן מיט שווערע זעק, איז ער דער ערשטער צוגעשפּרונגען. די פּויערן, וואָס האָבן זיך מתעסק געווען מיט די זעק, האָבן געלאַכט, געהאַט שפּאַס מיט אים, און אים געטריבן פֿון וואָגן, ווי מ'טרײַבט אַ קליין פֿאַרעקשנט שייגעצל וואָס קריכט צווישן גרויסע. אָבער מיכאַלאַקע איז נישט אָפּגעטראָטן. ער איז געלאָפֿן אַרום דעם וואָגן, זיך געשטופּט מיט זײַנע שמאָלע פּלייצעס, געשטרעקט די קורצע הענטלעך, און זיך געריסן צו די זעק. שפּעטער, ווען די פּויערן האָבן זיך אַפּאָרעט מיט דער אַרבעט און געווישט דעם שווייס, איז מיכאַלאַקע אויך געשטאַנען צווישן זיי און זיך אויך געווישט דאָס פּנים מיט אַ גרויסער פֿאַטשיילע.

און פּונקט אַזוי פֿלעגט דער אַלטער מיכאַלאַקע זיך רײַסן שלאָגן. דאָס חיות איז אים ממש אויסגעגאַנגען נאָך אַ געשלעג. אָבער קיינער האָט אים נישט געוואָלט צוליב טאָן. דער ביטול האָט אים שטאַרק פֿאַרדראָסן, און ער האָט געפּרוּווט כּלערליי מיטלען אַרויסצורופֿן אַ געשלעג. איין מיטל איז געווען: זײַן שטעקן. ער האָט פֿאַרלייגט דעם שטעקן אונטער דער פּאַכווע, מיטן שפּיץ אַרויסגעשטעקט, און זיך געשאַרט אַרום די בענק. זײַן שטעקן האָט יעדע ווײַלע פֿאַרטשעפּעט אַן אַנדער פּויער, אָבער קיינער האָט זיך נישט געמאַכט וויסנדיק. האָט מיכאַלאַקע געפּרוּווט זײַן צווייט מיטל: דעם גאַרטל. ער האָט אויפֿגעוויקלט זײַן לאַנגן וואָלענעם גאַרטל און אים געלאָזט זיך נאָכשלעפּן אויף דער ערד. די פּויערן האָבן געוווּסט זײַן כּוונה, און אויסגעמיטן דעם גאַרטל. אַפֿילו די שיכּורע פּויערן האָבן זיך באַמיט צו באַהערשן זייערע לויזע, וואַקלדיקע פֿיס.

דער סוף איז געווען – ווי אַלע מאָל. מיכאַלאַקע איז געבליבן שטיין אין מיטן קרעטשמע מיטן אויפֿגעוויקלטן גאַרטל – אַ פֿאַרשעמטער און געקרענקטער פֿון אַלעמענס ביטול.

*

פֿונדעסן האָבן אַלע ליב געהאַט מיכאַלאַקען. זײַן חשק צו גבֿורה און זײַנע טשיקאַווע שפּיצלעך האָבן פֿרייִלעך געמאַכט אין קרעטשמע. דערפֿאַר, אַז ער פֿלעגט אַ זונטיק נישט קומען אין קרעטשמע, האָט ער אַלעמען אויסגעפֿעלט.

און אָט זענען שוין אַוועק עטלעכע זונטיקס זינט מיכאַלאַקע האָט זיך נישט געוויזן. דאָס איז נישט געווען זײַן טבֿע. די פּויערן האָבן זיך גענומען זאָרגן. בײַ וועמען זיך נאָכפֿרעגן איז נישט געווען, ווײַל מיכאַלאַקע האָט נישט געהאַט קיין שכנים אָדער קרובֿים. ער איז געווען אַ פּאַסטעך בײַם פּריץ פֿון דאָרף און געוווינט אַליין, אין אַ פֿאַרוואָרפֿענער כאַטע פֿון וואַלד, ווײַט פֿון אַלעמען. ס'איז אָבער געקומען אַ זונטיק, ווען די פּויערן אין קרעטשמע האָבן שוין נישט געקאָנט רוען. האָט מען געשיקט אַ שייגעצל אויסגעפֿינען וואָס מיט מיכאַלאַקען איז געשען.
דער שייגעץ האָט זיך אומגעקערט מיט אַ טרויעריקער בשׂורה:

– מיכאַלאַקע איז קראַנק.

די בשׂורה האָט אַלעמען דערשלאָגן.

– ער ליגט? – האָט אַ פּויער געפֿרעגט.

– ניין, ער ליגט נישט, – האָט דער שייגעץ געזאָגט. – ער האַלט זיך ביַים בויך.

– ער קרעכצט?

– יאָ, ער קרעכצט.

די פּויערן האָבן געפֿרעגט דעם טאַטן וואָס צו טאָן. דער טאַטע האָט געהייסן ברענגען מיכאַלאַקען אין קרעטשמע. צוויי פּויערן זענען אַוועק אין וואַלד.

אין קרעטשמע איז די זונטיקדיקע שׂימחה שוין געווען אַ פֿאַרשטערטע. די קלעזמער האָבן שוין נישט געשפּילט, און די גלעזלעך זענען געשטאַנען ליידיק אויף די טישן.

דער טאַטע האָט אויפֿגעזוכט דאָס פֿלעשל מיט „דאַווילאַ־טראָפּנס“ און עס אַוועקגעשטעלט אויפֿן שענקטיש. די דאָרפֿישע פּויערן האָבן גוט געקאָנט דאָס קליינע פֿלעשל מיט דער ברוינער פֿליסיקייט, וואָרן אַז עמעצער אין דאָרף האָט געהאַט בויכווייטיק, אָדער אַזוי געפֿילט שלעכט, איז ער געקומען צום טאַטן נאָך „דאַווילאַ־טראָפּנס“. די פּויערן האָבן שטאַרק געגלויבט אין דער רפֿואה.

אַ שייגעצל איז אַריַינגעלאָפֿן און געזאָגט, אַז מ'ברענגט מיכאַלאַקען. אַלע זענען אַרויס אים באַגעגענען. די צוויי פּויערן האָבן געפֿירט מיכאַלאַקען ביַי די הענט. מיכאַלאַקע איז געווען בלייך און צעשראָקן. ער האָט אויסגעזען קלענער און דאַרער ווי אַלע מאָל. מ'האָט אים אַריַינגעפֿירט אין קרעטשמע און אַוועקגעזעצט אויף אַ באַנק לעבן שענקטיש. איינער פֿון די צוויי פּויערן וואָס האָבן אים געבראַכט, איז צוגעגאַנגען צום טאַטן און אים עפּעס געזאָגט אין אויער.

מיכאַלאַקע האָט זיך צעשריגן:

– ס'איז נישט קיין סוד! כ'האָב איַינגעשלונגען אַ שלאַנג!

די פּויערן אין קרעטשמע זענען געבליבן שטיין מיט אָפֿענע מיַילער. דאָ און דאָרט האָט זיך איינער איבערגעצלמט.
דער טאַטע איז צוגעגאַנגען צו מיכאַלאַקען מיטן פֿלעשל „דאַווילאַ־טראָפּנס“ אין האַנט.

– הער, מיכאַלאַקע, – האָט דער טאַטע צו אים געזאָגט. – דאָס קאָן נישט זיַין. אַ מענטש קאָן נישט איַינשלינגען אַ שלאַנג.

מיכאַלאַקע האָט זיך נאָך העכער צעשריגן:

– און איך האָב יאָ איַינגעשלונגען!

– אָבער דאָס קאָן דאָך נישט זיַין, – האָט דער טאַטע אים געפּרוּווט דערקלערן. – מ'שלינגט נישט איַין קיין שלאַנג.

מיכאַלאַקע איז ווייכער געוואָרן, און געזאָגט כּמעט מיט געבעט:

– אָבער איך האָב דאָך פֿאָרט איַינגעשלונגען. – ער האָט געוויזן מיט דער האַנט אויפֿן בויך: – אָט דאָ ליגט זי. איך פֿיל ווי זי וואַרפֿט זיך.

דער טאַטע האָט אַרויפֿגעגאָסן עטלעכע „דאַווילאַ־טראָפּנס“ אויף אַ שטיקל צוקער, און דערלאַנגט מיכאַלאַקען:

– נעם, מיכאַלאַקע. דאָס וועט דיר העלפֿן.

מיכאַלאַקע האָט צעקײַעט דאָס שטיקל צוקער מיט די טראָפּנס און זיך פֿאַרקרימט ווי פֿון אַ שטאַרקן געטראַנק.

אַ ווײַלע שפּעטער איז דער טאַטע צוגעקומען און אים געפֿרעגט:

– נו, ווי פֿילסטו אַצינד?

מיכאַלאַקע האָט געפֿינטלט מיט די אויגן:

– דאַכט זיך, בעסער.

די פּויערן אין קרעטשמע זענען נשתּומם געוואָרן פֿון דער שנעלער רפֿואה. זיי זענען געווען זיכער, אַז די טראָפּנס האָבן פֿאַרסמט די שלאַנג, און אַז זי וועט אין גיכן אַרויסקומען אויפֿן זעלבן אופֿן ווי אַלץ וואָס אַ מענטש שלינגט אײַן.

אַ בגילופֿינער פּויער האָט פֿון גרויס שׂימחה זיך צעטאַנצט אין מיטן קרעטשמע מיט אַ פֿלאַש אין האַנט. דערנאָך האָט ער זיך צוגעוואַקלט צו מיכאַלאַקען און אים געשטופּט די פֿלאַש צום מויל:

– טרינק, מיכאַלאַקע! זאָל פּגרן די שלאַנג!

מיט אַ מאָל האָט דער בגלופֿינער פּויער זיך אַ וואָרף געטאָן אויף דער ערד, און גערעדט צו מיכאַלאַקעס בויך:

– שלענגעלע, ביסט קאַפּוט! באַלד וועסטו פּגרן... יאָ, דו וועסט פּגרן, און מיכאַלאַקע וועט ווערן געזונט.

די פּויערן אין קרעטשמע זענען צוגעשטאַנען, אַז מיכאַלאַקע זאָל דערציילן ווי אַזוי ער האָט אײַנגעשלונגען די שלאַנג. מיכאַלאַקע האָט זיך אָפּגעזאָגט.

– דערצייל, מיכאַלאַקע, – איז דער בגלופֿינער פּויער אויך צוגעשטאַנען, און אים ווידער געשטופּט די פֿלאַש צום מויל. – טרינק, מיכאַלאַקע, און דערצייל.

ווען מיכאַלאַקע האָט דערשמעקט דעם ריח פֿון בראָנפֿן, האָט ער אַ זופּ געטאָן פֿון דער פֿלאַש, איין מאָל און אַ צווייטן מאָל, זיך אָפּגעווישט די וואָנצעס, און געזאָגט:

– גוט, איך וועל דערציילן. אָבער איך וויל איר זאָלט גלויבן וואָס איך דערצייל אײַך.

– אַוודאי וועלן מיר גלויבן, – האָט אַן עלטערער פּויער זיך אָפּגערופֿן.

– אַוודאי, אַוודאי, – האָבן אַנדערע אונטערגעכאַפּט.

אין קרעטשמע איז געוואָרן שטיל. די פּויערן האָבן אַרומגערינגלט מיכאַלאַקען און געוואַרט מיט שפּאַנונג. אַפֿילו דער טאַטע האָט זיך אָנגעשפּאַרט מיט די עלנבויגנס אין שענקטיש.

און מיכאַלאַקע האָט דערציילט:

– כ'בין אַרויס מיט די שאָף אין פֿעלד אַרײַן, ווי אַלע מאָל. ווען די שאָף האָבן זיך געפּאַשעט, האָב איך זיך אַוועקגעלייגט אויפֿן גראָז און, ווי אַלע מאָל, געשפּילט אויף מײַן פֿײַפֿל. שפּילנדיק, האָב איך אײַנגעדרימלט, טאַקע מיטן פֿײַפֿל בײַם מויל. אין שלאָף האָט זיך מיר געחלומט, אַז איך בלאָנדזשע אין אַ מידבר. יאָ, אין אַ מידבר, ווי איך בין אַ קריסט. די זון האָט געברענט, און מיך האָט שטאַרק געדורשט. אָבער קיין וואַסער איז נישט געווען. קיין לעק וואַסער, ווי איך בין אַ קריסט. איך האָב שוין געפֿילט, אַז איך גיי אויס פֿון דורשט. נאָר מיט אַ מאָל האָט זיך באַוויזן אַ ריטשקעלע. אַזוי ווי פֿון הימל, ווי איך בין אַ קריסט. איך בין צוגעפֿאַלן צום ריטשקעלע און זיך גוט אָנגעטרונקען. דאָס וואַסער האָט מיך געקילט, אַ מחיה. אין מיטן טרינקען האָב איך זיך אויפֿגעכאַפּט און דערזען בײַ מיר אין מויל דעם עק פֿון אַ שלאַנג. יאָ, אַן אמתע שלאַנג, ווי איך בין אַ קריסט. נאָר איידער וואָס־ווען, איז שוין די שלאַנג געווען אין מיר. איצט ליגט זי אָט דאָ בײַ מיר אין בויך. זי וואַרפֿט זיך און גריזשעט מיר די קישקעס.

די פּויערן האָבן אויסגעהערט מיכאַלאַקען און זיך איבערגעקוקט מיט שטוינונג און מיט שרעק. אַלע האָבן געגלויבט, אַז אַזוי ווי מיכאַלאַקע האָט דערציילט, אַזוי איז געשען. אַלע – אַחוץ דער טאַטע.

דער טאַטע האָט ווידער דערלאַנגט מיכאַלאַקען אַ שטיקל צוקער מיט „דאַווילאַ־טראָפּנס“, און אים געהייסן אַהיימגיין זיך לייגן. די זעלבע צוויי פּויערן וואָס האָבן אים געבראַכט, האָבן אים צוריק אָפּגעפֿירט.

דער טאַטע האָט פֿאַרזיכערט די פּויערן, אַז די טראָפּנס וועלן העלפֿן.

אין קרעטשמע איז ווידער פֿריילעך געוואָרן.

*

אויף מאָרגן איז מיכאַלאַקע געקומען אין קרעטשמע און זיך געקלאָגט, אַז בײַ נאַכט האָט די שלאַנג זיך ווידער געוואָרפֿן.

דער טאַטע האָט אים נאָך אַ מאָל געגעבן טראָפּנס, און געפּרוּווט אײַנטענהן מיט אים:

– מיכאַלאַקע, וואָס טוט זיך מיט דיר? וואָס האָסטו זיך אײַנגערעדט אַ שלאַנג אין בויך?

מיכאַלאַקע האָט געקײַעט דאָס שטיקל צוקער מיט די טראָפּנס, און גאָרנישט געזאָגט. ער האָט זיך געהאַלטן בײַם בויך, און געקוקט אויפֿן טאַטן מיט געבעט אין די אויגן. און אַזוי, מיט דער האַנט בײַם בויך, איז ער אַוועק אין וואַלד, צוריק צו זײַן כאַטע.

אַ פּאָר טעג האָט מען פֿון מיכאַלאַקען נישט געהערט. דער טאַטע איז געווען זיכער, אַז די טראָפּנס האָבן אים געהאָלפֿן. אָבער אָט איז געקומען אַ פּויער און געזאָגט, אַז מיכאַלאַקע האַלט שמאָל. ער דאַרט אײַן פֿון טאָג צו טאָג, און ער גייט אויס פֿון די כּוחות.

דער טאַטע האָט זיך מודה געווען, אַז ער ווייסט נישט וואָס צו טאָן. ער האָט געהייסן וואַרטן ביז דער ראַיאָן־דאָקטער וועט קומען.

אָבער די פּויערן האָבן נישט געוואָלט וואַרטן. זיי זענען אַוועק אין אַ שכניש דאָרף און געבראַכט אַן אַלטע פּויערטע, וואָס האָט צוגעזאָגט צו היילן מיכאַלאַקען. זי האָט אים געהייסן טרינקען בראָנפֿן, שטאַרקן בראָנפֿן, געמישט מיט פֿעפֿער. צו ערשט זאָל ער גוט צעקײַען דעם פֿעפֿער, און דערנאָך אים אַראָפּשווענקען מיט אַ מעסטל בראָנפֿן. אַזוי זאָל ער טאָן צען טעג נאָך אַנאַנד. פֿאַרן אַוועקגיין, האָט די פּויערטע אים ווידער אָנגעזאָגט:
– געדענק, מיכאַלאַקע: שטאַרקן בראָנפֿן! און פֿאַרגעס נישט דעם פֿעפֿער!

מיכאַלאַקע איז יעדן פֿאַרנאַכט געקומען אין קרעטשמע און אויסגעטרונקען אַ מעסטל בראָנפֿן מיט צעקײַעטן פֿעפֿער. אָבער אַז די צען טעג זענען אַוועק, האָט ער זיך נאָך אַלץ באַקלאָגט אויף דער שלאַנג. ער האָט

פֿאַרלוירן דעם אַפּעטיט צום עסן, און איז געוואָרן דאַר ווי אַ שטעקן.

איין פֿאַרנאַכט האָט מיכאַלאַקע זיך קוים צוגעשלעפּט צו דער קרעטשמע. דער טאַטע האָט אים אָנגעגאָסן אַ מעסטל בראָנפֿן, ווי אַלע מאָל, אָבער מיכאַלאַקע האָט זיך נישט צוגערירט צום בראָנפֿן. ער איז געזעסן אויף אַ באַנק, קעגן איבער דעם טאַטן, און געקרעכצט.

דער טאַטע האָט רחמנות געקראָגן אויף אים. ער איז צוגעגאַנגען און געזאָגט:

– מיכאַלאַקע, אפֿשר נאָך טראָפּנס?

מיכאַלאַקע האָט געקוקט אויפֿן טאַטן מיט פֿאַרטערערטע אויגן:

– אומזיסט... די שלאַנג וויל נישט פּגרן...

*

אַ פּאָר טעג שפּעטער האָבן עטלעכע פּריצים זיך אָפּגעשטעלט בײַ דער קרעטשמע. צווישן זיי איז געווען אַ מיליטערישער דאָקטער. דער טאַטע האָט אים דערציילט פֿון מיכאַלאַקען און פֿון דער שלאַנג, וואָס מיכאַלאַקע מיינט אַז ער האָט אײַנגעשלונגען. די פּריצים האָבן זיך אָנגעלאַכט פֿון דער מעשׂה. פֿונדעסן זענען זיי צוגעשטאַנען צום דאָקטער, ער זאָל באַטראַכטן מיכאַלאַקען. דער דאָקטער האָט אײַנגעוויליקט, אָבער מיטן תּנאַי, מ'זאָל נישט לאַכן. ער האָט געזאָגט, אַז מיכאַלאַקע דאַרף גלויבן אַז ער האָט אײַנגעשלונגען אַ שלאַנג. נאָר אַזוי קאָן ער געהאָלפֿן ווערן.

די פּריצים האָבן צוגערופֿן זייער קוטשער און אים געשיקט מיט אַ פּויער ברענגען מיכאַלאַקען. דערנאָך האָט דער דאָקטער אויסגעלייגט זײַן פּלאַן. ער האָט געהייסן דעם טאַטן אָנגרייטן אַ גרויסע שיסל מיט מילך, און אַרויסשיקן אַ ייִנגל אויפֿזוכן אַ שלענגל.

דאָס דאַרף האָט זיך באַלד דערוווּסט, אַז אין קרעטשמע געפֿינט זיך אַ דאָקטער, וואָס גייט היילן מיכאַלאַקען. די פּויערן האָבן אַוועקגעוואָרפֿן די אַרבעטן און געלאָפֿן אין קרעטשמע. די ווײַבער און קינדער זענען אויך נאָכגעלאָפֿן. די קרעטשמע איז געוואָרן איבערגעפּאַקט.

דער דאָקטער און די פּריצים זענען געזעסן אין אַ באַזונדער צימער. דאָרט האָט דער דאָקטער אײַנשטודירט מיטן טאַטן און מיט אַן עלטערן ברודער וואָס זיי דאַרפֿן טאָן. דער טאַטע האָט באַדאַרפֿט אַרײַנברענגען די שיסל מילך און זי אַוועקשטעלן אין מיטן קרעטשמע, און דער ברודער האָט באַדאַרפֿט האַלטן אָנגעגרייט דאָס שלענגל אין אַ קליין קעסטל.

מיכאַלאַקע איז אָנגעקומען מיט דער פּריצישער דראָשקע. ער איז געזעסן הינטן, אויפֿן ווייכן פּליושענעם זיץ, אַ דאַרער און אַ פֿאַרגעלטער. אין דער ווייכער טיפֿעניש פֿון דער גרויסער פּריצישער דראָשקע האָט ער אויסגעזען ווי אַ קליין פֿיגורל, געקלעפּט פֿון חלבֿ. צוויי יונגע שקצים האָבן אים גענומען אויף די הענט און אים אַרײַנגעטראָגן אין קרעטשמע.

דער דאָקטער האָט אָנגעוויזן אויף אַ בענקל אין מיטן קרעטשמע. די פּויערן האָבן זיך גענומען רוקן און שטופּן צו די ווענט. מיכאַלאַקע איז געזעסן אויפֿן בענקל לעבן דעם דאָקטער און געציטערט פֿון שרעק. איין האַנט האָט ער געהאַלטן בײַם בויך, און מיט דער צווייטער האָט ער זיך געצלמט.

דער דאָקטער האָט אים געהייסן זיך באַרויִקן און דערציילן, ווי אַזוי ער האָט אײַנגעשלונגען די שלאַנג. מיכאַלאַקע האָט איבערדערציילט די זעלבע געשיכטע, וואָס מיר האָבן שוין געהערט. דער דאָקטער האָט אַוועקגעלייגט אַ האַנט אויף זײַן אַקסל און אים געזאָגט, אַז אַזוינע זאַכן האָבן שוין געטראָפֿן, און אַז ערשט

אַנומלט האָט ער אַרויסגעצויגן אַ שלאַנג פֿון אַ פּויערס בויך.

מיכאַלאַקע האָט זיך צעוויינט.

– וואָס וויינסטו? – האָט דער דאָקטער געפֿרעגט.

– כ'האָב מורא, – האָט מיכאַלאַקע געכליפּעט.

– האָסט נישט וואָס מורא צו האָבן.

– ס'עט ווי טאָן.

– ס'עט נישט ווי טאָן.

און כּדי אים נאָך מער צו באַרויִקן, האָט דער דאָקטער אים געזאָגט, אַז די רפֿואה באַשטייט פֿון מילך. אַ שלאַנג האָט ליב מילך, און אַז זי וועט דערשמעקן מילך, וועט זי אַליין אַרויסקומען. מיכאַלאַקע דאַרף נאָר פֿאָלגן וואָס מ'וועט אים הייסן. ער דאַרף זיך לאָזן אויפֿהייבן מיט די פֿיס אַרויף און מיטן קאָפּ אַראָפּ, און כּדי דער קאָפּ זאָל זיך אים נישט פֿאַרדרייען, דאַרף ער זיך לאָזן פֿאַרבינדן די אויגן.

דער דאָקטער האָט צוגערופֿן צוויי הויכע פּויערן און זיי געהייסן זיך אַוועקשטעלן פֿון ביידע זײַטן. דעם טאַטן האָט ער געהייסן אַרײַנברענגען אַ שיסל מילך. דער ברודער איז שוין געשטאַנען לעבן דאָקטער מיטן קליינעם קעסטעלע באַהאַלטן הינטער די פּלייצעס. דער דאָקטער האָט פֿאַרבונדן מיכאַלאַקעס אויגן מיט אַ גרויסער פֿאַטשיילע, און אַ ווינק געטאָן צו די צוויי פּויערן. די פּויערן האָבן אַ כאַפּ געטאָן מיכאַלאַקען און באַלד איז ער שוין געהאַנגען אין זייערע הענט מיט די פֿיס אַרויף און מיטן קאָפּ אַראָפּ.

דער דאָקטער האָט אַרײַנגעשטעקט אַ פֿינגער אין מיכאַלאַקעס מויל, און באַפֿוילן:

– ברעך, מיכאַלאַקע!

מיכאַלאַקע האָט זיך געוואָרגן מיטן דאָקטערס פֿינגער:

–איך קאָן נישט, דאָקטער.

– דו קאָנסט, מיכאַלאַקע, נאָר דו ווילסט נישט.

– איך וויל, דאָקטער, נאָר איך קאָן נישט.

דער דאָקטער האָט טיפֿער אַרײַנגעשטעקט דעם פֿינגער:

– ברעך, מיכאַלאַקע!

מיכאַלאַקע האָט געבראָכן.

– גוט אַזוי, מיכאַלאַקע! – האָט דער דאָקטער געזאָגט. – איצט נאָך אַ מאָל.

– מער קאָן איך נישט, דאָקטער. כ'לעבן.

דער דאָקטער האָט אַרײַנגעשטעקט צוויי פֿינגער אין מיכאַלאַקעס מויל:

– דו קאָנסט! דו מוזסט! ברעך מיכאַלאַקע!

מיכאַלאַקע האָט ווידער געבראָכן.

– בראַוואָ, מיכאַלאַקע! – האָט דער דאָקטער אויסגערופֿן און בגנבֿה אַרײַנגעלאָזט דאָס שלענגל אין דער שיסל מילך. – ביסט געראַטעוועט, מיכאַלאַקע! אָט איז די שלאַנג!

די צוויי פּויערן האָבן אַוועקגעשטעלט מיכאַלאַקען אויף די פֿיס, און דער דאָקטער האָט אים אויפֿגעבונדן די אויגן. ווען מיכאַלאַקע האָט דערזען דאָס שלענגל אין דער שיסל מילך, איז ער אַוועקגעפֿאַלן אויף די קני און געקושט דעם דאָקטערס האַנט.

די פּויערן פֿון קרעטשמע האָבן זיך געצלמט.

*

פֿון יענעם טאָג אָן האָט מיכאַלאַקע זיך גענומען בעסערן. אין אַ שטיקל צײַט אַרום איז ער געווען דער זעלבער מיכאַלאַקע וואָס אַלע מאָל. ער פֿלעגט ווידער קומען אין קרעטשמע, און ווידער אַרויסווײַזן זײַן גבֿורה.